**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/3/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער HOCHUL (האקול) מעלדט רעקארד-שטאפל פינאנצירונג צו פארבעסערן זיכערהייט און שיץ פון ארגאניזאציעס אין געפאר פון האס פארברעכנס אדער טערור

***סטעיט אינוועסטירונג פון נאנט צו 63.9 מיליאן דאלאר דורך 'באפעסטיגן קאמיוניטיס קעגן האס פארברעכנס' פראגראם וועט פינאנצירן פראיעקטן אין 336 קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס ארום די סטעיט***

***אונטער גאווערנער Hochul's (האקול) פירערשאפט, איז פינאנצירונג פאר די פראגראם באדייטנד געשטיגן; סטעיט האט פארטיילט איבער 131 מיליאן דאלאר אין גרענטס זייט 2021***

***א צוגעקומענע 44.8 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע פינאנצירונג וועט העלפן 223 נאן-פראפיט ארגאניזאציעס ארום די סטעיט פארשטערקערן פאסיליטעט זיכערהייט און אלגעמיינע גרייטקייט***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן א רעקארד-שטאפל, סטעיט אינוועסטירונג פון נאנט צו 63.9 מיליאן דאלאר צו פארשטערקערן זיכערהייט און שיץ מאסנאמען ביי נאן-פראפיט, קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס אין געפאר פון האס פארברעכנס אדער אטאקעס צוליב זייער אידיאלאגיע, גלויבן, אדער מיסיע. ערררייכבאר דורך די סטעיט'ס 'באפעסטיגן קאמיוניטיס קעגן האס פארברעכנס' פראגראם, וועט די געלטער שטיצן אינערליכע און דרויסנדיגע פראיעקטן און סייבער-זיכערהייט פארבעסערונגען אין 336 ארגאניזאציעס ארום די סטעיט. אונטער גאווערנער Hochul's (האקול) פירערשאפט, איז פינאנצירונג פאר די פראגראם באדייטנד געשטיגן: צוזאמען מיט די געלטער היינט געמאלדן, האט ניו יארק סטעיט פארטיילט א סך הכל פון 131.5 מיליאן דאלאר אין גרענטס זייט 2021.

די גאווערנער האט אויך אונטערגעשטראכט מער ווי 44.8 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע געלטער צו שטיצן די באמיאונגען פון 223 נאן-פראפיט ארגאניזאציעס וועלכע ספראווען זיך מיט א שטערקערע געפאר פון טעראריסטישע, אדער אנדערע עקסטרעמע אטאקעס, צו פארשטערקערן די זיכערהייט פון זייערע איינריכטונגען, און ווי אויך צו פארבעסערן זייער אלגעמיינע גרייטקייט. די געלטער, צוגעשטעלט דורך די פעדעראלע עמערדזשענסי פארוואלטונג אגענטור דורך די נאן-פראפיט זיכערהייט גרענט פראגראם, ווערט באשטימט פאר ניו יארק דורך צוויי באזונדערע פארטיילונגען: 36 מיליאן דאלאר פאר ארגאניזאציעס אין די ניו יארק סיטי מעטרא געגנט און 8.8 מיליאן דאלאר פאר די איבריגע טיילן פונעם סטעיט. דער ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי ( New York State Division of Homeland Security and Emergency Services) סערוויסעס פארוואלטן די פראגראמען אין נאנטע מיטארבעט מיט ארטיגע סטעיקהאלטער.

"מאכן אן ארט וואו אלע ניו יארקערס שפירן זיך פארזיכערט, אנגענומען און געשטיצט - אפגעזען פון וואס עס קען אונטערשיידן צווישן זיי - איז איינס פון מיינע גרעסטע פריאריטעטן, און איך בין פארפליכטעט צו

נוצן יעדע געצייג מעגליך דאס צו טון," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "די דאטא איז קלאר: ניו יארק איז געווארן מער פארזיכערט זייט איך בין אריין אין אפיס אין 2021, אבער עס איז נאך דא וואס צו טון אפצושטעלן האס און פארמיידן געוואלדטאטן אין אונזערע קאמיוניטיס. מיט די נייע אינוועסטירונגען, געבן מיר פאר קאמיוניטי ארגאניזאציעס די הילפסמיטלען וואס זיי דארפן זיך צו באשיצן און צו צושטעלן זייערע סערוויסעס אין א באשיצטע ענווייראמענט."

"ניו יארק איז א סטעיט מיט א יסוד פון איינגעהאלטענקייט און אנגענומענקייט, צוזאמגעפעדימט דורך די חלומות און שאיפות פון מיליאנען." **ליוטענענט גאווערנער Delgado (דעלגאדאו) האט געזאגט,** "די היינטיגע געלטער מעלדונג, וואס וועט געבן קריטישע הילפסמיטלען פאר אונזערע קאמיוניטי מיטארבעטער אין געפאר פון האס פארברעכנס, איז נאך א שטארקע טריט אין פארזיכערן אז אלע ניו יארקער האבן די רעכט צו פרובירן צו ערגרייכן די חלומות פריי פון האסע און געוואלדטאט."

**דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס קאמישאנער Rossana Rosado (ראוסאנא ראוסאדא) האט געזאגט,** "נאן-פראפיט, קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס שטעלן צו קריטישע פראגראמען און סערוויסעס אין קאמיוניטיס ארום די סטעיט. איינגעשטעלטע וועלכע ארבעטן פאר די פראגראם און די מענטשן וועלכע זיי סערווירן האבן די רעכט צו זיין פארזיכערט און לעבן פריי פון האסע. איך אפלאדיר גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר באדייטפולע איסברייטערונג פון די פראגראם און ווייטערדיגע געטריישאפט צו פארזיכערן אז די דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס ( Division of Criminal Justice Services, DCJS) האט די געלטער וואס עס דארף צו שטיצן אונזער לאקאלע געזעץ אינפארסירונג און קאמיוניטי מיטארבעטער."

**דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמישאנער Jackie Bray (דזשעקי ברעי) האט געזאגט,** "ניו יארק'ס נאן-פראפיטס זענען אויף די פארנט ליניעס פון זייערע מיסיעס יעדן טאג, דינענדיג זייערע קאמיוניטיס און ארויסהעלפן אלע אין נויט. עס קומט זיך זיי צו האבן יעדע מעגליכע הילפסמיטל זיך צו האלטן באשיצט קעגן טערער אטאקעס און צו פארזיכערן אז זיי קענען פארזעצן זייער ארבעט און קיין שרעק פאר זייער זיכערהייט. די גרענטס וועלן העלפן שטארקן זיכערהייט און געבן פאר די ארגאניזאציעס די מיטלען צו זיין גרייט אין פאל פון אן עמערדזשענסי."

**סענאט מאיאריטעט פירער Charles Schumer (טשארלס שומער) האט געזאגט,** "איך האב שווער געקעמפט צו ארויסברענגען א העכערונג אין די פעדעראלע נאן-פראפיט זיכערהייט גרענט פראגראם אז ארגאניזאציעס אין געפאר פון האס פארברעכנס און טערער זאלן קענען פארמערן זיכערהייט און שיץ פאר זייערע מיטגלידער און קאמיוניטיס. דאס האט געפירט צו דאס אריבערפירונג פון דאס ערשטע אין היסטאריע צוגעלייגטע געלטער פאר NSGP וועלכע איז אריבערגעפירט געווארן אין די נאציאנאלע זיכערהייט צוגעקומענע אקט אין אפריל, געבנדיג די העכסטע שטאפלען פון פעדעראלע געלטער פאר נאן-פראפיט זיכערהייט גרענט פראגראם (Non-Profit Security Grant Program, NSGP) אין איין יאר אין היסטאריע. פון מערב ניו יארק ביז לאנג איילענד, ווערט העכער 44 מיליאן דאלאר פון פעדעראלע געלטער אינוועסטירט צו פארזיכערן אז 223 נאן-פראפיט ארגאניזאציעס לענגאויס די סטעיט קענען פארשטערקערן זיכערהייט און פארמערן גרייטקייט. איך האב געקעמפט צו פארזיכערן פינאנצירונג פאר FEMA'ס נאן-פראפיט זיכערהייט גרענט אין פאריגע יאר'ס בודזשעט ביל, און איך בין גאר צופרידן אז עס איז היינט אריבערגעפירט געווארן פאר ניו יארקער. איך בין דאנקבאר פאר גאווארנער Hochul'ס (האקול) ארבעט צו גוט אויסנוצן די פעדעראלע געלטער און פאר איר צוגעלייגטע אינוועסטירונג פון ניו יארק סטעיט צו האלטן די קאמיוניטיס באשיצט."

**סטעיט סענאט מאיאריטעט פירער Andrea Stewart-Cousins (אנדריע סטואַרט-קאזינס) האט געזאגט,** "מיר אין די סענאט מאיאריטעט האבן שווער געארבעט צוזאמען מיט אונזערע מיטארבעטער צו פארזיכערן אז האסע האט נישט קיין ארט דא אין ניו יארק סטעיט. דאס יאר, האבן מיר אויסגעברייטערט

די ליסטע פון פארלעצונגען וועלכע ווערן גערעכנט אלס 'האס פארברעכנס' און באשטימט געלטער פאר האס-פארברעכן פארמיידונגס פרואוון צו העלפן באקעמפן דיסקרימינאציע און האסע, אריינרעכענענדיג 35 מיליאן דאלאר פאר די DCJS צו שטיצן די 'באפעסטיגן קאמיוניטיס קעגן האס פארברעכנס גרענט פראגראם'. איך אפלאדיר גאווערנער Hochul (האקול) פאר העלפן פארזיכערן די געלטער. דאס וועט העלפן 336 קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס באקעמפן האסע, פארמיידן דיסקרימינאציע און פארבעסערן זייער זיכערהייט און שיץ מאסנאמען."

**אסעמבלימיטגליד Jeffrey Dinowitz (דזשעפרי דינאוויץ) האט געזאגט,** "אין צייט וואס האס פארברעכנס זעצן פאר צו באדראען די זיכערהייט און אייניגקייט פון אונזערע קאמיוניטיס, איז די פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונג אין די 'באפעסטיגן קאמיוניטיס קעגן האס פארברעכנס' פראגראם א קריטישע טריט אין ריכטונג פון פארזיכערן אז יעדע ניו יארקער שפירט זיך פארזיכערט און באשיצט. די געזעץ לייגט זיך ערשט דאס זיכערהייט פון ארגאניזאציעס אין געפאר פון אטאקעס צוליב זייער אידיאלאגיע אדער מיסיע און שיקט א שטארקע מעסעדזש אז האסע האט נישט קיין ארט אין אונזער סטעיט. די געלטער וועלן ערמעגליכן קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס צו פארשטערקערן זייער זיכערהייט און באפעסטיגונג, מאכנדיג פארזיכערטע פלעצער פאר מענטשן פון אלע אפשטאמען צו בליען. איך בין שטאלץ צו שטיצן דעם איניציאטיוו און בלייבן פארפליכטעט צו שטיין פעסט קעגן האסע אין יעדע פארעם."

די דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס (DCJS), וואס פארטיילט די 'באפעסטיגן קאמיוניטיס קעגן האס פארברעכנס גרענטס', האט פארטיילט געלטער פאר 336 ארגאניזאציעס ארום די סטעיט פאר פראיעקטן פאר א סך הכל פון $63,898,817. DCJS לאזט וויסן פאר סוקסעספולע גרענט אפליקאנטן איבער זייערע געלטער אנגעהויבן פון היינט; די אגענטור געבט נישט ארויס די נעמען פון ארגאניזאציעס וויבאלד דאס וואלט געשטעלט א זיכערהייט געפאר.

'באפעסטיגן קאמיוניטיס קעגן האס פארברעכנס גרענטס' געלטער לויט ראיאן:

- ניו יארק סיטי: $34,604,077 פאר 178 ארגאניזאציעס
- מיטן-האדסאן: $16,568,449 פאר 87 ארגאניזאציעס
- לאנג איילענד: $7,588,979 פאר 41 ארגאניזאציעס
- קאפיטאל ראיאן: $1,818,951 פאר 10 ארגאניזאציעס
- מערב ניו יארק: $1,505,631 פאר ניין ארגאניזאציעס
- פינגער לעיקס: $688,970.61 פאר פיר ארגאניזאציעס
- דרום ראיאן: $599,500 פאר דריי ארגאניזאציעס
- מאוהאק וואלי: $397,836 פאר צוויי ארגאניזאציעס
- צענטראל ניו יארק: $126,424 פאר צוויי ארגאניזאציעס

דורך די פעדעראלע נאן-פראפיט זיכערהייט גרענט פראגראם, ווערט א סך הכל פון 454.5 מיליאן דאלאר פארטיילט איבער די גאנצע לאנד אין פיסקאלע יאר 2024. פון די סומע, ווערט 227.23 מיליאן דאלאר פון געלטער געגעבן פאר נאן-פראפיט ארגאניזאציעס וועלכע געפונעם זיך אין אייס פון די שטאטישע געגנט זיכערהייט איניציאטיוו (Urban Area Security Initiative, UASI)-געאייגנטע הויכע-געפאר שטאטישע געגנטער. די פארבליבענע 227.25 מיליאן דאלאר איז אוועקגעלייגט געווארן פאר יוריסדיקציעס אינדרויסן פון די UASI-געאייגנטער געגנטער.

ערלויבטע קאסטן רעכענען אריין פלאנירונג אזויווי זיכערהייט געפאר פארוואלטונג, פארזעצונג פון אפעראציעס, און רעאקציע פלענער; געצייג, אריינגערעכנט פיזישע זיכערהייט אפאראטן און אונטערזוכונג/סקרינינג סיסטעמען געצייג; אקטיווע שיסער טרענירונג און זיכערהייט טרענירונג פאר

איינגעשטעלטע אדער קאנגרעגאציע מיטגלידער; רעאקציעס פּרואוון, און זיכערהייט איינגעשטעלטע אונטער קאנטראקט.

אין ניו יארק, איז די סטעיט'ס UASI-געאייגנטע שטאטישע געגנט די ניו יארק סיטי מעטרא געגנט. ספּעציפיש, באשטייט דאס פון ניו יארק סיטי, און אזוי אויך וועסטשעסטער, נאסאו און סופאלק קאונטיס.

**איבער די דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס**
די דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס איז א פילפאכיגע קרימינאלע יוסטיץ שטיצנדע אגענטור מיט א רייע פאראנטווארטליכקייטן, אריינרעכענענדיג געזעץ אינפארסירונג טרענירונג; זאמלונג און אנאליזירונג פון פארברעכן ציפערן פון אריבער די סטעיט; אויפהאלטן קרימינאלע היסטאריע אינפארמאציע און פינגער אפדרוקן פיילס; אדמיניסטראטיווע אויפזיכט איבער די סטעיט'ס DNA דאטא-בעיס, אין צוזאמענארבעט מיט די ניו יארק סטעיט פאליציי; פינאנצירונג און אויפזיכט אויף פּראָבּעישען און קאמיוניטי טורמע פראגראמען; אנפירן פעדעראלע און סטעיט קרימינאלע יוסטיץ קאסעס; שטיצן קרימינאלע יוסטיץ-פארבינדענע אגענטורן אריבער די סטעיט; און אנפירן די סטעיט'ס סעקסועלע פארברעכער ליסטעס.

**איבער די אפטיילונג פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס**
די [דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס](https://www.dhses.ny.gov) (Division of Homeland Security and Emergency Services, DHSES) שטעלט צו פירערשאפט, קאארדינאציע און שטיצע צו פארמיידן-, באשיצן פון-, זיך גרייטן פאר-, רעאגירן צו-, זיך ערהוילן פון- און פארמינערן קאטאסטראפעס און אנדערע עמערדזשענסיס. פאר מער אינפארמאציע, גיי נאך DCJS אויף [Facebook](https://www.facebook.com), [Instagram](https://www.instagram.com), [LinkedIn](https://www.linkedin.com), און [X/Twitter](https://twitter.com), אדער באזוכט [dhses.ny.gov](https://www.dhses.ny.gov).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](https://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](https://ny.gov/signup) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

[זיך ארויסשרייבן](#)